# זמירות שירה חדשה

## ניגונים ביידיש לחג הפסח

בני ברק
ניסן תשפ"ב

# תוכן הניגונים

**הגדה של פסח**


די פיפטע קשיה......ב
טמפל שירה......ב
קרב יום......ד
קרב יום......ה
חד גדיא......ה


**עניני החג**


י"ג עקרי האמונה......ט
ביים חת"ם סופר......י
פריילעך......יב
איזהו מקומן......יב
מצה און סאמארקאנד......טו
א מצה און אויבן......יח
דא וואוינט א איד......כב
ברח דודי......כב


**שיר השירים**


אני ישנה וליבי ער......כה
קול דודי דופק......כה
אל גינת אגוז......כו

# די פיפטע קשיה

*לחן: פנה לעלבון - ר' משה גולדמן ז"ל*
*מושר - פסח מיט די אונטרן חבריא*

נאך איין קשיא פרעג איך דאן / א פיפטע קשיא וויל איך מוסיף זיין,
דאס פרעגן מיר אלע דא לכאורה / פון אונזער טאטע די הייליגע בורא.
טאטע אין הימל מיר ווענדן זיך צו דיר / מיר וואונדערן זיך אן א שיעור,
פארוואס איז אנדערש אונזער גלות דער / מה נשתנה הלילה הזה.
אוי אוי שוין צוויי טויזנט יאהר, השקיפה קוק דיך שוין צו / כלה דבר חרב ושבי,
דיין צוזאג זיי שוין מקיים / למען באי באש ובמים / און נעם אונז שוין קיין ירושלים.
אוי אוי בעטן מיר אלע, א הייסע תפילה / בנה ביתך כבתחילה
שפוך חמתך האלט שוין איין / זיי מקרב דעם זמן / און לאמיר שוין אלע פרייליך זיין.
אוי אוי שוין צוויי טויזנט יאהר, השקיפה קוק דיך שוין צו / כלה דבר חרב ושבי,
דיין צוזאג זיי שוין מקיים / למען באי באש ובמים / און נעם אונז שוין קיין ירושלים,
**השתא הכא אבער לשנה הבאה בירושלים.**

# טמפל שירה

*הניגון העתיק על הפיוט "אדיר הוא" עם תרגום לאידיש-טייטש הנקרא "טעמפל שירה", אשר בטעות התקבע כניגון השלה"ק, עקב כך שזה הודפס בהגדת השלה"ק, אך הוא ניגון קדום ביותר.*

*המעיין בתוכנו של השיר יראה שבעצם המדובר בתרגום של הפיוט "אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב" לשפת אידיש-דייטש, וזהו כוונת המשורר "בויא דיין טעמפל שירה" ע"ש "בנה ביתך בקרוב", ורק שהמחבר במקום לדקדק על תרגום מדויק של התארים להקב"ה הנזכרים בפיוט "אדיר הוא" העדיף להעמיד השיר ע"פ סדר האל"ף בי"ת, וכמו שבפיוט "אדיר הוא" יסד הפייטן הבתים "אדיר" "בחור" "גדול" "דגול" וכדו' ע"פ סדר הא"ב, כמו"כ בדרך זו יסד "אלמעכטיגער גאט" "בארימהערציגער גאט" "גרויסער גאט" "דעמוטיגער גאט" וכו' (וראה בהגש"פ הנדפס בספר קהלת שלמה בעריכה המחודשת של ר' שלמה בלאך במהדורה השניה הנדפס בהנובר ת"ר - ששינה בזה והעדיף לתרגם את בתי הפיוט "אדיר הוא" לשפת אידיש-דייטש זו לעומת זו כלשונם ממש למרות שאינו ע"פ סדר א"ב במקום השיר הישן והמקובל שמחברו דקדק בעיקר על סדר הא"ב מאשר לתרגם את התארים בצורה מדויקת).*

*בביאור ענין מנהג השירה בלשון אשכנז דווקא בלילי פסח מצינו במנהגי חתם סופר (פ"י, אות כ-כא), וז"ל: "אז צוה להנשים שילכו לישן מלבד הילדות הצעירות אשר נשארו עוד על השולחן עד לבסוף וסיים הפיוטים וביאר אותם, והשלשה פיוטים אדיר הוא יבנה ביתו, אחד מי יודע, וחד גדיא תרגמו לפניו הילדות הצעירות בלשון אשכנ"ז, והי' אומר טעם למנהג הזה כדי שיעורו הילדים עד הסדר" עכ"ל, והכוונה לשירים "נון בויא דיין טעמפל שירה", "איינס ווער וויס איינס", "איין ציגעליין איין ציגעליין", שהם תרגומם של הג' פיוטים "אדיר הוא" "אחד מי יודע" ו"חד גדיא" שהח"ס נהג לשוררם ולבארם עם הילדות הצעירות בנוסף לזה שהיה משוררם גם בלשה"ק כנהוג (ראה בהגש"פ נאות דשא להרב מנייטרא ז"ל שנהג כן בעקבות החת"ס, ועיי"ש מה שהחת"ס היה מבאר בדברי התרגום לשפת אידיש-דייטש.)*

**אלמעכטיגער גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**בארים הארציגער גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**גרויסער גאט, דעמוטיגער גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**הויכר גאט, ווערדיגער גאט, זיסער גאט, חניגר גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה:**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**טויגליכער גאט, יודישער גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**כרעפטיגער גאט, לעבידיגער גאט, מעכטיגער גאט, נאמהאפטיגער גאט, סענפטיגער גאט, עביגער גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**פורכצומער גאט, צימליכער גאט, קעניגליכער גאט, רייכער גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**שיינער גאט, תרויטר גאט, נון בויא דיין טעמפל שירה,**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

**דוא בישט גאט און קיינער מער, נון בויא דיין טעמפל שירה:**

אלזוי שיר, און אלזוי באלד, און אונזרן טאגן שירה, יוא שירה, נון בויא, נון בויא, נון בויא דיין טעמפל שירה.

# קרב יום

*מילים ולחן: האדמו"ר מהורנסטייפל מילוואקי שליט"א*

קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה
רם הודע כי לך היום אף לך הלילה
שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה
תאיר כאור יום חשכת לילה.

שוין 2000 יאר געווארט, א ביטערן גלות מיט-געמאכט /
אוי ווי לאנג קענען מיר דאס אויסהאלטן, ווילאנג מוז געדוירען די נאכט.
דערנענטער דעם טאג פון משיח'ן, ברענג עס נאנט ווי גיך און געשווינד /
דאס איז פסח נאכט אונזער תפלה, און דאס בעטען מיר אצינד.
קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה

די פעלקער זיי זאגן - פארפאלן, זיי מאכן אונז צו שאנד און צו שפאט /
פארקויפט זענט איר חלילה אויף אייביג, אט דער נאכט קען נישט ענדיגן אויך אייער גאט.
אוי באשעפער די וועסט זיי נאך אבער באוויזן, אז די הערשט איבער אלעס גרויס און קליין /
די וועסט זיי צייגן בני בכורי ישראל, כי לך היום אף הלילה גם כן.
רם הודע כי לך היום אף לך הלילה

שוין 2 מאל דאס שטעטל געפאלן, שוין 2 מאל א חורבן געזעהן /
אוי ווי עס בענקט זיך צוריק קיין ירושלים, אוי ווי עס בענקט זיך צוריק אינדערהיים.
אוי גאטעניו שטעל אן די שומרים זאלן היטן, בכל רגע ובכל שעה ובכל עת /
און אין שטעטל קער אונז צוריק אויף אייביג, דיין בית שלישי בית של אש.
שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה

בראשית ברא צום אנפאנג האסטו באשאפן, א ליכט גאר א אויסנאם און פיין /
נישט געוואלט אז די רשעים זאלן עס ניצן, פון ערליכע אידן אויך צוגענומען דאס שיין.
קוק זיך צו צו דעם טיף פינסטער גלות נאכט, און מיט יענעם ליכט דעם אידן דערקוויק /
און פארטרייב אויף אייביג דאס פינסטערניש, אוי באשעפער דאס ליכט קער אונז צוריק.
תאיר כאור יום חשכת לילה

# קרב יום

*לחן: ר׳ בן ציון שנקר ז״ל        מילים: הגה״צ רבי משה וולפסון יבדלחט״א*

**קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה, רם הודע כי לך היום אף לך הלילה.**

**פאטער גרויס און מעכטיג / ברענג א טאג, שיין, און פרעכטיג,**

**וואס נישט ער איז טאג, און נישט, ער איז נאכט**

**וואס נישט ער איז טאג, און נישט, ער איז נאכט**

**זאל די וועלט שוין וויסן, אויף ריכטיג / אז ג-ט שאפט פינסטער און ליכטיג,**

**מיט זיין גרויסן כח, און זיין מאכט.**

**זאלן וויסן מענטשן און קינדער / אז טאג און נאכט איז פון געשווינדער,**

**באשאפן מיט זיין ווילן, און זיין מאכט.**

**שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה, תאיר כאור יום חשכת לילה.**

**שומרים פון שמים / באשטים-אויף ירושלים,**

**טאג און נאכט / זאל זי זיין באוואכט**

**טאג און נאכט / זאל זי זיין באוואכט**

**טאטע לאז נאר פאלן / דיינע גאלדענע שטראלן**

**באלייכטן מיט זוהן שיין, דער פינסטער פון נאכט**

**אוי טאטע באניי דיין מלוכה / מיט א יום שכולו שבת ומנוחה,**

**באלייכט אויף אייביג דער פינסטער פון דער נאכט.**

# חד גדיא

*לחן: הרה״ק הרבי ר׳ אלימלך מליזנסק זי״ע (שערים), מושר ע״י יונתן שוורץ - ׳און א גוטע שעה׳ שיר 3*

**א טאטע האט אמאל געזען א קליין ציגעלע לויפן / גלייך פאר צוויי גילדן טוט ער עס אפקויפן.**

**די טאטע מיינט מען אבינו מלכנו וואס היט אונז אפ אלעמאל / און דאס שעפסעלע די קליינע מיינט מען כלל ישראל.**

**ס׳איז נישט קיין סוד / דער טאטע האט / אמאל געטראפן / ארומגעלאפן / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינע, חד גדיא.**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

פלוצלונג איז א קאץ געקומען, אויפן ציג שפרינג ארויף,

און דאס ציגעלע צוגענומען, און זי עסט אים אויף.

די קאץ נבוכדנצר הרשע, אזוי שטייט געשריבן,

פון ירושלים ביד קשה, יודעלעך פארטריבן.

**אויפן פלאץ / קומט א קאץ / און מאכט א קריץ / צורייסט דעם ציג / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינע, חד גדיא.**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

און אויף איינמאל קומט צוגיין, פון איינע פון די גאסן,

א גרויסע הינט מיט שארפע ציין, ער טוט דעם קאץ צובייסן.

ועשה כלבא און עס קומט כורש, טוט צוברעכן בבל'ס מיליטער,

בלשצר נבוכדנצר'ס יורש, גע'הרג'עט אן קיין קלער.

**פלוצלינג קומט / א גרויסע הינט / די קאץ געביסן / וואס האט צעריסן / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינע, חד גדיא.**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

דעם בעל בית טוט נישט שמעקן, ווען ער זעט וואס דאס הינטל טוט,

ער כאפט אן א געזונטן שטעקן, באקלאפט דעם הינטל גוט.

אלכנסדר מוקדון דער גרויסער העלד, פרס ומדי האט ער געקריגט,

איינגענומען די גאנצע וועלט, און דריווש'ן באזיגט.

**א שטעקן שמייסט / דעם הינט וואס בייסט / ווייל די קאץ געביסן / ווייל צוריסן / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינע, חד גדיא.**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

פלוצלונג זעט מען פייער פלאמען, כאפט זיך אן אויף אלע ווענט,

ס'טוט פארברענען אלץ צוזאמען, דאס שטעקן ווערט פארברענט.

דער גרויסע פייער דער גרויסע גבורה, וואס ס'איז דאן געקומען,

מלכות רומי הארורה, די יוונים איינגענומען.

**פייער פלאמען / פארברענען צוזאמען / דעם שטעקן וואס שמייסט / דעם הינט וואס בייסט / ווייל דער קאץ געביסן / ווייל צוריסן, חד גדיא**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

עס פארפלייצט זיך דער גרויסער ים, און טוט אלץ באדעקן,

עס לעשט אוים דעם פייער פלאם, וואס האט פארברענט דעם שטעקן.

דער וואסער איז ישמאעל'ס מלוכה, ותרא באר מים,

גענומען די וועלט מיט גרוים רציחה, ביז ירושלים.

**וואסער פון ים / פארלעשט דעם פלאם / ווייל דעם שטעקן פארכאפט / ווייל דעם הינטל פארקלאפט / ווייל דעם קאץ געביסן / ווייל צוריסן, חד גדיא.**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

ס'קומט א אקס, אויפן ארט, און ער גייט אריין אין הויז,

און דאס גאנצע וואסער דארט, טרינקט ער תיכף אוים.

גוג ומגוג נעמט נקמה, און ער טוט וואס אים געפעלט,

מיט ישמעאל האלט ער מלחמה, און נעמט איין די וועלט.

**א אקס געקומען / א טרינק גענומען / דעם וואסער פון ים / ווייל פארלאשן דעם פלאם / ווייל דעם שטעקן פארכאפט / ווייל דעם הינטל פארקלאפט, חד גדיא.**

**ווייל דער קאץ געביסן / ווייל צוריסן / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינם, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

דער שוחט כאפט דעם אקס ביים האלז, און ער לייגט אים גלייך אראפ,

דעם גרויסן חלף נעמט ער באלד, און ער שחט אים אפ.

משיח בן יוסף אליין, וועט קומען צו די רשעים אן רחמנות,

טבוח טבח והכן, און מאכן ביי זיי חרבנות.

**דער שוחט איז גערעכט / דעם אקס ער שחט / ושתה למיא / ווייל פארלאשן די פייער / ווייל דעם שטעקן פארכאפט / ווייל דעם הינטל פארקלאפט, חד גדיא.**

**ווייל דער קאץ געביסן / ווייל צוריסן / דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

דער מלאך המות געט א פלי, מיט זיין גרויסן שארפן שווערד,

און דעם שוחט נעמט ער צו, ער לייגט אים אויף דער ערד.

אזוי שטייט אין חז"ל קלאר, דער מלאך המות וועט געבן א נעם,

משיח בן יוסף דעם קדוש וטהור, אויף קידוש השם.

**דער מלאך דער שלעכטער / דעם שוחט שחט ער / דשחט לתורא / אן קיין מורא / דשתא למיא / ווייל פארלאשן די פייער, חד גדיא.**

**ווייל דעם שטעקן פארכאפט / ווייל דעם הינטל פארקלאפט / ווייל דער קאץ געביסן / ווייל צוריסן / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינע, חד גדיא.**

אוי וויי ואתא הקדוש ברוך הוא דער רוכב בערבות,

לעתיד לבוא וועט ער שחט'ן דעם מלאך המות.

די גאולה שלימה וועט קומען אוודאי, ווי דערלעבט מען שוין דערצו,

ונשגב ה' לבדו, ביום ההוא.

**דער רוכב בערבות / שחט דעם מלאך המות / ווייל דער מלאך דער שלעכטער / דעם שוחט שחט ער / ושחט לתורא / אן קיין מורא, חד גדיא.**

**דשתא למיא / ווייל פארלאשן די פייער / ווייל דעם שטעקן פארכאפט / ווייל דעם הינטל פארקלאפט / ווייל דער קאץ געביסן / ווייל צוריסן, חד גדיא.**

**ס'איז נישט קיין סוד / דער טאטע האט / אמאל געטראפן / ארומגעלאפן / דעם ציג די קליינע / גאר א שיינע, חד גדיא.**

**עס שפרינגט און לויפט / דער טאטע קויפט /דעם ציג דעם ווילדן / פאר צוויי גילדן, דזבין אבא בתרי זוזא חד גדיא.**

# ענייני החג

## י"ג עקרי האמונה

*לחן: הרשל וויינבערגער מילים: ווָעלול פלדמן*
*מושר - 'יונגערליך' שיר 5*

*כתב רבינו ה'בני יששכר' זי"ע בספרו דרך פקודך (מצוה כא) וז"ל - "והנה ערבים עלי דברי דודים הרב הגדול מהר"ם חאגיז [אלה המצות מצוה כ"א] אשר כלל בדבריו אשר כל העיקרים תלויים בזכרון יציאת מצרים, ואנחנו בעניינו הוספנו נופך משלנו בכל עיקר ועיקר, ותראה בדברינו אשר כלל אלה העיקרים נרמזים בפסוק למען תספר באזני בנך וכו' וידעת כי אני ד', ממילא לפי מה שכתבתי שצריך לכוין הטעם להיות הטעם מבואר בתורה כנ"ל, א"כ לפי מה שנבאר שמבואר בפסוק הזה כל הי"ג עיקרים, א"כ צריך לכוין שמספר ביציאת מצרים בכדי לקבוע בלבבות אמונת אומן י"ג עיקרי הדת ואתה תבין".*

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב, א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**

**זינגט מיט מיר צוזאמען / די דרייצן אני מאמין**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

**[א] איך גלייב אז דער בורא, אלעס ער פירט / אלעס וואס געשעהט און האט אמאל פאסירט**

**ער טוט באשאפן / אלעס וואס מיר דארפן / די גאנצע וועלט באצירט**

**[ב] איך גלייב אז נאר ער - איז די איינציג גאט / נישט דא אזא איינער ווי די בורא וואס מ'האט**

**ער איז געווען / און וואס ס'וועט געשעהן / איז נאר פון השם אחד**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב, א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**

**זינגט מיט מיר צוזאמען / די דרייצן אני מאמין**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

**[ג] איך גלייב אז דער בורא קען מען נישט פארשטיין / נישט ווי א מענטש פון פלייש און ביין**

**[ד] די ערשטע און לעצט / הייליג און געשעצט / [ה] און נאר צו אים מתפלל זיין**

**[ו] איך גלייב אז די נביאים און זייערע רייד / איז נאר מיט אן אמת און א העכערקייט / [ז] און משה געטריי איז די רבי פון זיי אן קיין ענדליכקייט**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב, א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**

**זינגט מיט מיר צוזאמען / די דרייצן אני מאמין**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

**[ח] איך גלייב אז די תורה - אונזער לעבן / האט דער בורא פאר משה אים געגעבן**

**[ט] דאס טוט אונז באגלייטן / ס'וועט זיך נישט בייטן / אזוי ווי אונזער שטרעבן**

**[י] איך גלייב אז דער בורא ווייסט וואס יעדער טוט / וואס א מענטש טראכט א יעדע מינוט**

[יא] און טאקע דערפאר / באצאלט ער מיט שכר / פאר ווער ס'גייט אין זיינע טריט

[יב] איך גלייב אז משיח איז שוין דא כמעט / כאטש מיר ווארטן שוין אזויפיל צייט

[יג] און תחיית המתים וועלן אלע אויף שטיין / ווען דער אייבישטער'ס ווילן וועט זיין

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב, א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**

**זינגט מיט מיר צוזאמען / די דרייצן אני מאמין**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

# ביים חת"ם סופר

*מושר ע"י מוטי אילוביץ - 'מחשבות' שיר 2*

פסח ביינאכט דארטן אין הויף ער / זיצט ביים טאטע'ן, ביים חתם סופר

דער כתב סופר אלס קינד נאך קליין / די הגדה ער וויל פארשטיין

טאטע'ניו, דיר פרעגן עפעס איך וויל,

דער חתם סופר שיינט אזוי נחת'דיג / ער הערט אים אויס אבער ענטפערט גארנישט צוריק,

דער כתב סופר פרעגט נאכאמאל / די טאטע ווערט אבער נישט נתפעל

ער הערט אים אויס און בלייבט ווייטער שטיל.

דער כתב סופר פארשטייט נישט וואס איז פשט / פארוואס באקום איך נישט קיין ענטפער תיכף ומיד

ערווארט מיט קלעם, ביז מען האלט שוין נאכ'ן סדר / מיין קינד ענטפערן יעצט איך גיי דיר

דער חתם סופר נעמט זיין קינד אויפ'ן שוים / פארענטפערט זיין קשיא אין איין רגע בלויז,

דער כתב סופר שמייכלט אבער פלאצט אויס אין א געוויין / יעצט האב איך שוין נאך עפעס וואס איך וויל פארשטיין.

טאטע טאטע, אויב האסטו דעם תירוץ געוויסט / פארוואס ווען איך האב עס פריער געפרעגט, שטיל געבליבן דו ביסט,

האסט געזען איך בין פאר'צער'ט / דו זעסט איך שטיי און ווארט

פארוואס לאזטו מיך ווארטן אזוי לאנג.

מיין טייער קינד דו ביסט נאך זייער קליין / א לימוד פאר דיין לעבן וויל איך דו זאלסט פארשטיין,

דו וועסט דיך באלד א דריי טון / קשיות וועלן באדערן און ווי טון

וויל איך דו זאלסט געדענקן דעם געדאנק.

אסאך מאל אין לעבן איז פארשידענ'ס שווער / קשיות און ספיקות, מען ווארט אויף אן ערקלער.

איך וויל זאלסט געדענקן, ס'איז דא א תירוץ אויף א יעדע זאך / אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט גלייך.

אסאך מאל דויערט זייער א לאנגע צייט / ביז ס'ווערט פארענטפערט די קשיא וואס מ'האט געהאט,

גיב נישט אויף, ווערט נישט מיואש פון קשיות און טרערן / ווייל איין טאג וועט אלעס קריסטאל - קלאר ווערן.

ברודער'ל מיינס, דו ווייסט שוין אצינד / טויזענטער זאכן וואס דו האסט נישט פארשטאנען אלס קינד,

דו קענסט ענטפערן באלד / דעם קינד פון צען יאר אלט

וואס פארשטייט נאכנישט דאס וואס דו האסט אמאל נישט פארשטאנען,

אסאך מאל דארפן יארן דורכגיין / ביז מען קען פארשידענע זאכן פארשטיין,

מען מעג פרעגן און וויינען / אבער זאלסט נישט מיינען

אז קיין תירוצים איז נישט פארהאנען.

והיה כי ישאלך מה זאת / דאס בוך פון קשיות איז דאך אזוי גרויס,

מיר לעבן אין א וועלט פיל מיט פראבלעמען, צווייפלען און דאגות / יעדער דרייט זיך ארום מיט פראגעס.

ס'איז נארמאל צו וויינען און שרייען פון קלעם / ס'איז נארמאל צו מאנען און פרעגן למה השם,

דער באשעפער ענטפערט אלעמאל צוריק אפילו דו הערסט עס דאך נישט / אסאך מאל ענטפערט ער, איך קען דיר נאכנישט ענטפערן, נאכנישט.

מיין טייער קינד, דיר אויסהערן איך טוה / איך זעה וואס טוט דיך שטערן, אבער ס'נאך צו פרי,

אז דו זאלסט קענען זעהן / פארוואס דאס מוז געשען

פארוואס פונקט ביי דיר און פארוואס פונקט היינט.

די תירוצים זענען דא אויבן אזוי קלאר און שיין / אסאך מאל, קינד מיינס, ביסטו נאך צו קליין צו פארשטיין,

דיין הארץ איז פאר'צער'ט, נאך אביסעלע ווארט / און אט וועסטו שמייכלען מיט פארשטאנד.

**אסאך מאל אין לעבן איז פארשידענ'ס שווער / קשיות און ספיקות, מען ווארט אויף אן ערקלער.**

**איך וויל זאלסט געדענקן, ס'איז דא א תירוץ אויף א יעדע זאך / אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט גלייך.**

**אסאך מאל דויערט זייער א לאנגע צייט / ביז ס'ווערט פארענטפערט די קשיא וואס מ'האט געהאט,**

**גיב נישט אויף, ווערט נישט מיואש פון קשיות און טרערן / ווייל איין טאג וועט אלעם קריסטאל - קלאר ווערן.**

# פריילעך

*לחן: ברסלב עתיק*

*מילים: ר' יהושע ורטימהר ז"ל בפורים שפיל אצל הרה"ק ה'אמרי חיים' זי"ע.*

*ה'אמרי חיים' התלהב מהניגון בצורה יוצאת מן הכלל (כיודע השתוקק כל יומו ל'ליל הסדר') וביקש אח"כ שיחזרו ויזמרו את הניגון שוב ושוב עד שהפך השיר לחלק מזמרת בית ויזניץ, עד היום מזמרים אותו כך עם המילים האלו בחזרות ויזניץ וסערט ויזניץ בחג הפסח, בפורים ובזמני שמחה שונים.*

**די נאכט פונעם סדר / און א גאנץ יאהר כסדר,**

**וועלן מיר לויבן / דעם פון אויבן,**

**א שבח והודיה / למי שאמר והיה,**

**פאר דעם בורא כל עולמים.**

**ובשירי דוד המלך / וועלן מיר זיין פריילעך,**

**פריילעך פריילעך וועלן מיר זיין,**

**א גאנץ יאהר פריילעך,**

**לכבוד דעם מלך,**

**לכבוד דעם מלך מלכי המלכים.**

# איזהו מקומן

*לחן: ר' יוסף מאנדלבוים ז"ל*

*מילים: ר' יחזקאל רוטנברג הי"ד ור' שואל הוטרר ז"ל*

**דערמאנט אייך נאר אידן דעם ארט / וואס עס האט זיך געטוהן דארט,**

**אין ארץ ישראל אין ירושלים,**

מ׳האט מקריב געווען זבחים / שלמים עולות ונסכים,

בזמן שבית המקדש היה קים.

ס׳איז געווען עולה לריח / אויף דעם הייליגן מזבח,

אלע מיני קרבנות,

לכפר עוונות / הרצון והאונס,

ווי גרויס איז נעבעך היינט דאס רחמנות.

בקולות וברקים / וויינען מיר אויף דעם מקום,

אז דאס ארט איז געווארן אוועקגענומען,

א מ׳טוט זיך דערמאנען / אז דאס איז מער נישט פערהאנען,

דאס הייליגע מקום איז אוועקגענומען,

עס וויינען און עס קלאגן / עס שרייען און עס זאגן,

אלע טאג די בני מלכים,

יעדן טאג אינדערפרי / פרעגן מיר - איזהו

מקומן של זבחים.

באלד אינדערפרי / נעמט מען זיך די מיה,

מ׳נעמט זיך דאווענען מיט כוונות,

דערמאנען זיך אידן / אז תפילה איז במקום תמידין,

אז דאס דאווענען איז אנשטאט קרבנות.

דער קהל מיטן ש״צ / איז נאר איין ערזאץ,

אנשטאט קרבנות א הייסע תפילה,

אז מ׳דערזעהט זיך ווי מ׳האלט / מאכט מען באלד א געוואלד,

בנה ביתך כבתחילה.

מיר פרעגן נאר דאס איינעווארט / ווי זהעט מען שוין צוריק דאס ארט,

מקריב זיין תמידים ונסכים,

אוי ווי לאנג נאך ווי / וועט מען פרעגן - איזהו

מקומן של זבחים.

מיר פרעגן בשפה רפה / די שאלה מה יפה,

מה יפו פעמיך בנעלים,

אוי ווי שיין אוי ווי גוט / זענען געוועזן די טריט,

ווען אידן זענען געגאנגען עולי רגלים.

צדיקים וחסידים /ארימעלייט און נגידים,

זענען געגאנגען באהבה וברעות,

באחדות געווען געגרינדן / בגוף ונשמה צוזאמען געבונדן,

א קשר בלב ונפש מיט גלייכע דעות.

שרייט געוואלד קומי רני בלילות / אויף דרכי ציון אבילות,

ס'זאלן אויפגעהויבן ווערן ציון'ס דרכים,

אוי באשעפער ענטפער דו / אויף דער שאלה - איזהו

מקומן של זבחים.

עס האט אינגאנצן אדורכגענומען / דאס שיינקייט פון ירושלים קומען,

ווי שיין זענען געווען די טייערע געזאנגען,

געגאנגען מיט ריינע מחשבות / מיט חדות הלבבות,

ווען אידן זענען קיין ירושלים געגאנגען.

ס'איז געווען אזוי טייער / ס'האט געברענט ווי א פייער,

השראת השכינה האט מען כסדר געזעהן,

פון די שכינה האט מען זיך נישט געקענט שיידן / מ'האט געפילט א מתיקות און טעם גן עדן,

אוי וואס איז אונז היינט נעבעך געשעהן.

לאמיר וועלטן רייסן / השי"ת זאל שוין מער נישט כעס'ן,

ער זאל זיך איבער בעטן צו די בני מלכים,

איינציגער קוב"ה / פארענטפער דו דעם - איזהו

מקומן של זבחים.

ווען עס קומט חודש ניסן / ווערט דאס הארץ צעריסן,

מ'דערמאנט זיך פון דער מצוה פון שה לבית אבות,

**ווי מ'האט דאס גע'שוחט'ן / די הייליגע אורות האבן געלויכטן,**

**ס'איז געווען א שמחה ביי'ם יודע מחשבות,**

**און אז מ'דערמאנט זיך אזוי / פון די מצוה ועצם לא תשברו בו,**

**מ'האט נישט צעבראכן קיין עצמות,**

**אבער היינט מאגרא רמות / צעברעכט מען אידישע עצמות,**

**אוי פארטריבן אידישע נשמות,**

**אוי באשעפער געוואלד / עס זאל שוין זיין באלד,**

**שואלין ודורשין בהלכות פסחים.**

**און טאקע באותו היום / זאל שוין זיין ונאכל שם,**

**מן הזבחים ומן הפסחים,**

**אוי באשעפער אייל זיך שוין צו / מ'זאל שוין וויסן - איזהו**

**מקומן של זבחים.**

# מצה און סאמארקאנד

*ר' יו"ט ערליך - 'שלא עשני גוי' שיר 4 (דער נאטשאלניק)*

אין שטאט סאמארקאנד, אונטער דער אייזערנער וואנט
פסח איז באלד דא / און קיין מצה איז אלץ ניטא
פון מאסקווע שנעל / געקומען איז א בעפעל
דערשטיקן דעם גלויבן / און נישט ערלויבן
קיין מצה, קיין ווייץ, אדער מעל

אבער דער איד, קיינמאל פארלירט ער זיך ניט
אונטערן שטאט / א ווינקל געטראפן מען האט
א בעקערי געמאכט / עס ארבייט ביטאג און ביינאכט
ארום שטייען אידן / צו קוקן און היטן
עס זאל נישט דערגיין צו דער מאכט

דרייט זיך דער רעדל / פרייט זיך די שטעטל

א מצה אין אויוון אריין
די פונקען זיי קנאקן / די מצות זיך באקען
א פרייליכער יום טוב וועט זיין

מ'פאקט איין דעם פעקל / לייגט מען אין זעקל
מען טראגט עס בעהאלטענערהייט
אידאלאך כאפן / די הערצאלאך קלאפן
עס גיסן זיך טרערן פון פרייד

קוקט נאר און זעה / דער נאטשאלניק פון ענקאוועדע
זיצט אין זיין הויז / דער פחד איז אזוי גרויס
מען זאגט ער איז א איד / פון אידישקייט ווייסט ער גארניט
ער דארף די אידן / פארשן און היטן
קיין גלויביגער זיין טאר מען ניט

איבערן שטאט / שומרים צושטעלט פיל ער האט
פערשטעלט און פערהילט / די שטאט האט מען איבערגעפילט
און אונטערן שטאט / קיינער ווייסט ניט פון דעם סוד
א הויפל א קליינער / מיט בלאטע און שטיינער
און דארט זיך באהאלטן מען האט

דרייט זיך דער רעדל / פרייט זיך די שטעטל
א מצה אין אויוון אריין / די פונקען זיי קנאקן
די מצות זיך באקען / א פרייליכער פסח וועט זיין

פאקט מען אין פעקל / לייגט מען אין זעקל
מען טראגט עס בעהאלטענערהייט
אידאלאך כאפן / די הערצאלאך קלאפן
עס גיסן זיך טרערן פון פרייד

**א איד האט א הויכע נשמה, א הארץ פול מיט גייסט און געפיהל /**
**א הארץ וואס טוט ציען / א הארץ וואס טוט גליהען, א ביסעלע ליכטיגקייט וויל**
**א איד האט א הויכע נשמה, א מנורה געפינט זיך ביי איהם /**
**און מצוות פון תורה / צינדט אן דער מנורה, ער ווייסט נישט אפילו פון דעם**

שטיל דער פארנאכט / די בעקערי איז שוין פערמאכט
דער עולם עס שטייט / אהיימגיין זיך אפרוען גרייט
פלוצלונג מען הערט / א טומל אינדרויסן עס ווערט
א קאר טוט אנקומען / מען הערט גוט זיין ברומען
און מיטאמאל שטיל פלוצלונג ווערט

עס קומט אריין א פרוי / רייך געקליידעט אזוי
גייט צו צום באלעבאס / זאגט אויפן אויער איהם וואס
ער פירט איהר אריין / אין בעקערי רואיג און פיין
מיר שטייען אוןווארטן / מען ווייסט נישט וואס טראכטן
עס מוז א מסירה דא זיין

מיר שטייען און ווארטן / אינדרויסן עס וואכן
סאלדאטן געווים אויסגעשטעלט /
עס איז דא איין אופן / איהר אונטערצוקויפן
ווער ווייסט צו זי וועט נעמען געלט

א צייט האט געדויערט / מען האט שוין באדויערט
און פלוצלינג זיי קומען צוריק /
די פרוי טראגט א פעקל / אונטער איהר רעקל
עס שיינט איהר דער פנים פון גליק

די פרוי איז ארויס / דער באלעבאס באגלייט איהר ארויס

די קאר איז אוועק / מען הערט איהר שוין פארן אין וועג
דער בעל הבית קומט צוריק / עס שיינט איהם זיין פנים פון גליק
ער שטעלט זיך אינמיטן / שמייכלט צופרידן
און שטארק איז פארוואונדערט זיין בליק

מיר שטייען אזוי שטיל / דער באלעבאס זאגט מיט געפיהל
מען ווייסט גארניט / וויאזוי מען דארף שעצן א איד
שטעלט אייך פאר מיין שרעק / ווען איך האב געזען דער פרוי אויפן וועג
ווייל דאס איז די פרוי / פון בערימטן אזוי
פון נאטשאלניק פון ענקאוועדע

איך קאן איהר / זי קאן מיר / פיהל טובות געטאן מיר, צום מאן קומען קיינער נישט קאן /
זי איז איצט געקומען / און בעטן גענומען / אז איך זאל א טובה איהר טאן
עס גייט איהר אין לעבן / אז איך זאל איהר געבן, כשר'ע מצה וואס מער /
איהר מאן פירט א סדר / און היט זיך כסדר / גאנץ פסח נאר מצה עסט ער

**א איד האט א הויכע נשמה, א הארץ פול מיט גייסט און געפיהל /**
**א הארץ וואס טוט ציען / א הארץ וואס טוט גליהען, א ביסעלע ליכטיגקייט וויל**
**א איד האט א הויכע נשמה, א מנורה געפינט זיך ביי איהם /**
**און מצוות פון תורה / צינדט אן דער מנורה, ער ווייסט נישט אפילו פון דעם**

# א מצה און אויבן

*סיפור: רבי פסח קראהן שליט"א — לחן ומילים: פינחס מרדכי וועבער*
*מושר ע"י מיכאל שניצלער - 'מימיני מיכאל' שיר 2*

ערב פסח שטייט מען שוין, נאך חצות / מיט'ן רבי'ן גייט מען שוין, באקן מצות
אנגעטון מיט'ן ווייסן שירצעלע / מען בעט ס'זאל זיין באוויליגט נרצה'לע
אויף אזא מחזה הוד אין אין להקשות.
שוין אנגעגרייט די ברעטער / דער שיסל שוין ביים קנעטער, מ'קנעט שוין איין די מיירע /
אין הימל איז מען מתפלל / מען ווארט שוין אויפ'ן הלל, אויף די טרערן די טייערע

מ'היבט אן זאגן דעם הלל לעילא ולעילא / צווישן זיי איז אויך אונזער ר' ישעי'לע וואס הערט נישט אויף צו וויינען און זאגט דעם הלל מיט התרגשות.

גאר אן אלטער איד / ר' ישעי' ביים אויוון שטייט ער /
מיט'ן לעצטן כח'ל אזוי מיד / לשם מצות מצוה שרייט ער
ר' ישעי' ליבער / איר זענט דאך נישט דער איינציגסטער שיבער
אפשר לאזט איר צו אן אנדערן אין די רייע,
ס'איז געווען אן אנלויפעניש / מ'האט מיט אים ג'טענה'ט
איך גיי בשום אין אופן נישט / אוועק פון דאנעט
אז איר וועט הערן דעם סיפור, וועל איך אייך פארשטיין גיבן / פארוואס איך וויל דוקא יא שיבן הערט א מעשה אשר חזה ישעיה.

אוי ביים הארץ רייסט / מיליאנען נעבעך פארגאזט
אין אוישוויצער גיהנום / אינעם ביטערן זמן יענעם / דעם בורא פארשטיין ווער קען אים
דאס קען אפילו נישט, דער גרעסטער מלאך אויבן,
געווען בין איך קוים ניינצן / דערשראקן אינגאנצן
ווי עם פלאקערן און שפרינגען / די פייער צינגען / האבן זיי מיר ארויפגעצווינגען
אריינלייגן די הייליגע גופים אין קאלעך אויוון.

אויף מיין שאוועלע / מיין חבר דוב'לע
מיט'ן שאוול אין די הענט / צום פייער וואס ברענט / וויפיל פנימ'ער האב איך ליידער דערקענט
מיינע חברים, מיר וועלן זיך זען מיט משיח,
ארויסגענומען פון א וועגעלע גאר שמאל / נאך א כהן, נאך א לוי, א ישראל
צום פייער זיי געיאגט / דאס געוויסן האט געפלאגט / איך האב די גאנצע נאכט געוויינט און געקלאגט
און געזאגט, טאטע פארוואס פונקט איך.

א אידעלע אין אויוון אריין / אוי נקום נקמת דם

נאך א אידעלע אין אויוון אריין / א מאמע מיט איר קינד צוזאם
ווי און ווינד צו אזעלכע אויגן / וואס האבן געזען וואס איך האב געזען
צי וועט די וועלט נאך זיין באוואוינגן / און גלייבן דאס איז אמאל געשען
אוי, מי יודע
א אידעלע אין אויוון אריין / אוי נקום נקמת דם
נאך א אידעלע אין אויוון אריין / אוועק מיט'ן פלאם
ווי און ביטער, אזא שאנד / צו אזעלכע הענט וואס האבן דאס געקענט טון
וויאזוי האסטו נישט מורא געהאט / מיין האנט
וואס וועסטו ענטפערן ביים יום הדין
אוי, שרייט זיך דארט ר' ישעיה

כהן, לוי, כהן לוי ישראל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, יודעלעך זייט מיר מוחל
מיין הארץ טוט מיר פאר ענק אלע ווי / איך וואלט זיך געטוישט מיט ענק, הלוואי
איך וויל באטש מיט ענק מיטגיין, די הויכע עולמות,
כהן, לוי, כהן לוי ישראל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, יודעלעך זייט מיר מוחל
דם עבדיך השפוך / מיט די זכרונות גיי איך און שלאף איך
איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן פון ענק הייליגע נשמות.

יעצט פארשטייט איר שוין אליין / פארוואס ביים אויוון וויל איך דווקא שטיין
יעדער האט זיין תיקון / ביז'ן טאג דעם היינטיגן / טראכט איך וואס קען זיין מיין תיקון
איך קוק ארויף צום קל טוב וסלח אויבן
ווען איך שטיי נאכאמאל ביים הייסן אויוון / באקן מצות פאר די הייליגע ימים טובים
איר האט אלע געזען אין מיר / וויפיל טרערן איז געווען אין מיר / ווייל איך זע נישט מצות נאר פנימ'ער

זאלן די טרערן מכפר זיין אויפ'ן קאלעך אויוון

א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
נאך א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
מתרצה ברחמים, אוי מתרצה
ומתפיים בתחנונים
זאל זיין א כפרה פאר מיר יעדע מצה
כ'האב געמוזט אויספירן אזעלכע דינים
אוי, מיט טרערן איך קלאג
א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
נאך א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
הייליגער טאטע, פאר מיר פארציי / ווען איך שטיי ביים אויוון די הייסע
און איך בעט מיך איבער מיט זיי / ונקיתי דמם לא נקיתי
אוי, מיט א קרעכץ איך זאג

מיין כהן, מיין לוי, מיין כהן, לוי, מיין ישראל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, יודעלעך זייט מיר מוחל
כהן, פאר די אלע כהנים / וואס זענען געווארן שרפים ואופנים
זאלן זיין לזכותם די אלע הייליגע כזיתים,
נאכאמאל
כהן, לוי, כהן לוי ישראל
אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל
געוואלד געוואלד געוואלד, אידעלעך זייטס מיר מוחל
לוי, אנשטאט די אלע לוויים / זאל מקויים ווערן די רייד פון די נביאים
און זיך טרעפן מיט די קדושים ביי תחיית המתים.

כהן, לוי, כהן לוי ישראל

**אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל**

**אוי געוואלד, אוי געוואלד, אידעלעך זייט מיר מוחל**

**והשב כהנים לעבודתם / קרבנות נעמען נאר פון עיזים און כבשים**

**שוין גענוג אידישע קרבנות עד אין קצבה,**

**ונאכל שם מן הזבחים / ומן הפסחים**

**דארט וועלן מיר אלע שרייען לשם מצות מצוה.**

**לשם מצות מצוה, כהן לוי ישראל**

# דא וואוינט א איד

*מיוסד על רעיונו הנפלא של אוהבם של ישראל הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זצ"ל שמסביר באופיו המיוחד בלימוד זכותו על כלל ישראל, על מקרא קודש "אשר פסח הקב"ה על בתי בני ישראל במצרים", שכביכול ה' קפץ ורקד מתוך רגשי שמחה וחדווה, והכריז "אי דא וואוינט א איד" שהוא כ"כ שמח עם בניו עת היו יוצאים מכור ההיתוך ומבית עבדים של מצרים לקרבו אליו יתב"ש.*

*לחן ומילים: הערשי רוטנברג*

*מושר ע"י ישראל ורדיגר - 'דא וואוינט א איד' שיר 11*

**ויהי בחצי הלילה - דער באשעפער גייט אויסלייזן זיינע קינדער /**

**ויהי בחצי הלילה - אט דער נאכט גייט ער ווייזן זיינע ווינדער**

**און אויף יידע יידישע הויז / מיט א טענצל גייט ער ארוים / און מיט ליבשאפט שרייט ער אוים**

**אי דא וואוינט א איד**

**אאאי דא וואוינט א איד**

**אי אי אי דא וואוינט א איד**

**אאאי ס'איז א אידישע שטוב**

**א בית מלא אורה / א בית מלא תורה / א בית מלא קדושה**

**ס'איז א אידישע שטוב**

# ברח דודי

*לחן: הרה"ק ר' מיכל מזלאטשוב זי"ע על ברח דודי ליום שני של פסח* *גראמן ביידיש: א.צ.וו. מלמד תשב"ר*

**בְּרַח דּוֹדִי אֶל מָכוֹן לְשִׁבְתָּךְ, וְאִם עָבַרְנוּ אֶת בְּרִיתָךְ, אָנָּא זְכֹר אִוּוּי חֲפָתָךְ, הָקֵם קוֹשְׁטְ מִלָּתָךְ, כּוֹנֵן מְשׂוֹשׂ קִרְיָתָךְ, הַעֲלוֹתָהּ עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתָךְ.**

**ברח דודי / מיין ליבער קדשא בריך הוא**

דו זיצט מיט אונז און גלות / שפירסט מיט אונזער צרות

לויף שוין פון איר ארויס / צו די בית המקדש דיין הייליג הויז

און אויב אפילו / מיר האבן געזינדיגט חלילה

נישט איינגעהאלטן / דעם בונד די אלטן

אנא א בעטעניש / זכור פארגעס נישט / ווי דו האסט צו דיין הויז אזא גליסטעניש

שטעל די אמת׳דיגקייט, פון דיינע רייד /

געבויט ווערן גייט, די שטאט פון פרייד

ירושלים, וואס צו איר מען בענקט / ביי די אנהייב פון דיין שמחה זאל זי ווערן געדענקט

בְּרַח דּוֹדִי אֶל שָׁלֵם סֻכָּךְ, וְאִם תָּעִינוּ מִדַּרְכָּךְ, אָנָּא הָצֵץ מֵחֲרַכָּךְ, וְתוֹשִׁיעַ עַם עָנִי וּמֵתְכָּךְ, חֲמָתְךָ מֵהֶם לְשַׁכָּךְ, וּבְאֶבְרָתְךָ סֶלָה לְהִסְתּוֹכָךְ.

ברח דודי / צוגעגליכנט ביסטו

צו א פריינד א זיסע / דו זיצט מיט אונז שכינתא בגלותא

צו דיין סוכה דיין וואוין ארט / נעם שוין צוריק דיין שכינה רוען דארט

און אויב מיר זענען נישט ווערט / מיר האבן זיך אפגעקערט

פון דיין וועג וואס איז ריכטיג / די תורה אזוי ליכטיג

דאך א כלל א אלט׳ן / דו ביסט נישט באהאלטן / קוק פון דיין פענסטער פון דיין שפאלטן

א ישועה צו שיקן / צו דערקוויקן

דאס פאלק וואס איז געשלאגן / טוט א היים נישט פארמאגן

דיין צארן אויף זיי, זאל נעמען א עק / מיט דיין פליגלען שטענדיג אויף זיי באדעק

בְּרַח דּוֹדִי אֶל לִבְּךָ וְעֵינֶיךָ שָׁם, וְאִם זָנַחְנוּ טוֹב מְרֻשָּׁם, אָנָּא שְׁמַע שַׁאֲגַת קוֹל צוֹרְרֶךָ וְרִגְשָׁם, רַוֵּה מִדָּם גּוֹשָׁם, וַעֲפָרָם מֵחֵלֶב יְדֻשָּׁם, וּפִגְרֵיהֶם יַעֲלֶה בָאְשָׁם.

ברח דודי / פאר דיין כבוד בעטן איך טוה

כבוד השכינה אויפהייבן / די גאנצע וועלט זאל אין דיין נאמען גלייבן

און לויף צוריק צו די פלאץ / וואס איז שטענדיג געוואנדן אהין, דיין אויגן און הארץ

און אויב מיר האבן פארלאזט / דאס וואס געשריבן דו האסט

דער גוטע תורה / די שריפט פון בורא

בעטן מיר ווילן / הער די געשריי די בילן

פון דיין שונאים וואס קעגן אונז זיי צילן

טו זיי צוריק געבן / פארשניד זייער לעבן

זייער ערד באנעץ / מיט בלוט און פעטס

זייערע קערפער, פאר׳מיאוס׳ט און געמיין / א שלעכטע ריח פון זיי זאל ארויפגיין

בְּרַח דּוֹדִי אֶל מָרוֹם מֵרִאשׁוֹן, וְאִם בָּגַדְנוּ בְּכַחֲשׁוֹן, אָנָּא סְכוֹת צָקוּן לַחֲשׁוֹן, דְּלוֹתִי מִטִּבּוּעַ רִפְשׁוֹן, גְּאוֹל נְצוּרֵי כְּאִישׁוֹן, כְּאָז בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן.

ברח דודי / נאך איין תפילה הער צו

באשעפער וואס דודי דו הייסט / צוזאמען מיט דיר פון גלות ווערן אויסגעלייזט

גיין צו דיין הייליג געצעלט / וואס איז דערהויבן שוין זייט די בריאה פון די וועלט

אויב מיר האבן נישט איינגעזעהן / דו גוט׳ס וואס מיט אונז געשעהן

נאר ווידערגעשפעניגט / נישט געוועזן אינטערטעניגט

טו צו הערן / די תפילות וואס ווערן / פארגאסן מיט הייסע טרערן

דערהייב אונז טאטע / פון די גלות בלאטע

לייז אויס די אידן / וואס ווי א אויג טוס׳ט היטן

אזוי ווי דעמאלטס אין ניסן, ארויס פון מצרים / נעם אונז ווידער ארויף קיין ירושלים

# אני ישנה וליבי ער

*לחן: יואל קליין - ישעי' גראס*
*מושר ע"י לוי פולקוביץ - 'אחכה לו' שיר 4*

**אני ישנה ולבי ער**

קול דודי דופק פתחי לי

יעצט פאר מיר / עפן אויף דיין טיר

**פתחי לי, פתחי לי**

קלאפ קלאפ קלאפ ביי מיר / קלאפ קלאפ איך עפן דיר /

קלאפ קלאפ יודעלע איך ווארט שוין לאנג אויף דיר

# קול דודי דופק

*מיוחס להרה"ק ר' מנחם מענדל מויטפסק זי"ע*

קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי.

וואלט איך האבן גאלדענע רעדער, וואלט איך צו דיר פארען

וואלט איך האבן גאלדענע רעדער, וואלט איך צו דיר פארען

קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי.

וואלט איך האבן גלאדענע פליגלען, וואלט איך צו דיר פליען

וואלט איך האבן גלאדענע פליגלען, וואלט איך צו דיר פליען

קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי.

וואלט איך האבן גלאדענע וועיאסלעם וואלט איך צו דיר שווימען

וואלט איך האבן גלאדענע וועיאסלעם וואלט איך צו דיר שווימען

קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי.

וואלט איך האבן גלאדענע פעדער, וואלט איך צו דיר שרייבן

וואלט איך האבן גלאדענע פעדער, וואלט איך צו דיר שרייבן

קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי.

# אל גינת אגוז

*הניגון היה מושר בדמעות שליש על ידי הרה"ק הדברי חיים מצאנז זיע"א, בכל שנה בליל ב' אחרי הסדר (קונטרס עקבי חיים בסוף הגדת 'דברי חיים' (אות ל"ו) שכן שמע מהגה"צ מציעשנוב זצ"ל).*

*האדמו"ר בעל דברי שלמה זצוק"ל מבאבוב היה רגיל כמה פעמים להעמים כוונה בדברי הזמר אחר הסדר (ליל ב' דפסח תשל"ז לפני שיר השירים ועוד, והתבטא ע"ז שפירושו הוא רק בדרך אפשר, "ואילו שמעתי מאבי מרן בעל קדו"צ זצ"ל לפרש כן הייתי אומר שזה הפשט הנכון"), לפי מה דאיתא בגמ' (ברכות כ.) אמר לי' רב פפא לאביי מאי שנא ראשונים דאתרחיש להו ניסא ומאי שנא אנן דלא אתרחיש לן ניסא, א"ל קמאי הוו מסרי נפשייהו אקדושת השם, אנן לא מסרינן נפשין על קדושת השם. וזה שאומרים "די מאמע האט געהייסן", והכוונה על השכינה הק' שנקראת אימא עילאה בזוה"ק, "ניסעלעך אפרייסן", שפעול ע"י מעשינו הטובים שיושפע לנו נסים כדי שיתקדש שם שמים בעולם, ועל זה פונים כלל ישראל ואומרים "אוי ווי הויעך זענען די צווייגעלעך, אוי ווי נידריג זענען די קינדערלעך, מ'קען מיר נישט דערגרייכן", כלומר שלפי מצבינו הדל בעבודתו ית"ש אין אנו עומדים במדריגה זו שנוכל להוריד שפע של נסים מלמעלה, ע"כ. (שלומה של מלכות גיליון יב)*

**אל גינת אגוז ירדתי, ירדתי**

**לראות באבי הנחל, לראות באבי הנחל,**

**לראות הפרחה הפרחה הגפן, לראות הפרחה הפרחה הגפן**

**הנצו הרמונים.**

די מאמע האט געהייסן, געהייסן / ניסעלעך אפרייסן, ניסעלעך אפרייסן

אוי ווי הויעך זענען די ביימעלעך / אוי ווי נידריג זענען די קינדערלעך

**עימוד**

**קונטרסים וחוברות**

**0533161258**

**hus61258@gmail.com**

מהודר